# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:10
מוצאי שב"ק.....................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............מלכים-א י"א-י"ב
בבלי.......................תענית כ"ט
ירושלמי..................קידושין ז'
תוספתא..................סוטה י"ד
רמב"ם......פסולי המוקדשין י"ז

פרשת ויגש, ז' טבת, שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 15 (530)


## אַ וָואֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס וָואֹרְט וְעַתָּה מֵיינְט תְּשׁוּבָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָואֹרְט וְעַתָּה מִיט תְּשׁוּבָה?

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיף אַסַאךְ פְּלֶעצֶער, אַז דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נַיי אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ גֶעדֶענְקְט מֶען אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה, פַארְגֶעסְן, אַ גְרוֹיסֶער חִסָּרוֹן, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה. וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעהַאט בִּלְבּוּלִים פוּן זַאכְן וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ. אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר זִיךְ אַלְץ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נַיי.

דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שָׁם) אַז עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וִוי נָאר אַ זַאךְ גֵייט אַרִיבֶּער, גֵייט עֶס אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן זַיין קָאפּ, עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס פְלֶעגְט בֶּעטְן פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים עוֹבְדֵי ה' זֵיי זָאלְן אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה וֶוען זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אָפְּרֶעכְטְן חֲצוֹת אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז וָתִיקִין. מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זֵיי זָאגְן: "אִיךְ בִּין אוֹיף, אִיךְ קוּם שׁוֹין", אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיזְ'ן טָאג אַרַיין, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אִיךְ וֶועל 'פוּן יֶעצְט' זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". דָאס אִיז דֶער לִימּוּד פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק נָאר אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי.

דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז זֵייעֶר כִּיטְרֶע, עֶר קוּמְט צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַלֶע מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, קוּמְט עֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע מִיטְל, מִיט אַ פְרִישֶׁע וֶועג מִיר צוּ צֶעבְּרֶעכְן"; אָבֶּער וִוי גְרוֹיס, קְלוּג אוּן כִּיטְרֶע עֶר אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר בַּאנֵייעֶן, אַלְץ אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, קוּקְן נָאר אוֹיף פָארְאוֹיס, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט מֶען נִיצוֹל פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע דֶעם שְׁלֶעכְטְן.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער מֶדְרָשׁ אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה; וְעַתָּה - אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָּר תְּשׁוּבָה.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. וְעַתָּה, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דַאן, אַל תֵּעָצְבוּ - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם - דוּ וֶועסְט זֶען אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפֵּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תש"פ)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דִינְסְטָאג, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי"ע. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין יָאר תק"מ, צוּ זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַפְתָּלִי הִירְץ זַ"ל אוּן זַיין מַאמֶע לַאנֶיע ע"ה. עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, זַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם, עֶר אִיז אָבֶּער אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן אַן עוֹשֶׁר, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אוּן צוּ דוּרְכְלֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי מֶדְרָשׁ אוֹיף דִי פַּרְשָׁה.

בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר אִיז רֶבִּי נָתָן אַ חָתָן גֶעוָוארְן, אוּן הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ זַיין וַוייבּ אֶסְתֵּר שֵׁיינְדְל ע"ה, אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי גְדוֹלֵי הַדּוֹר אִין יֶענֶע תְּקוּפָה, הַגָּאוֹן הַגָּדוֹל רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זי"ע וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אוֹיף דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט שַׁארִיגְרַאד, מָאֶהלוֹב אוּן קְרֶעמְנִיץ, אוּן אוֹיף נָאךְ פִילֶע קְלֵיינֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער אַרוּם. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא גֵייט מִיט אִים מִיט שְׁטֶענְדִיג.

רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר מִיט דַיין וַוייבּ - וֶועט דִיר זַיין אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אָן אִיר. זַיין אַלֵיין אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, יח): "לֹא טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ", עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ זַיין אַלֵיין, "אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ", זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יְבָמוֹת סג.): עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, 'זָכָה', אִיז מֶען עֶרְלִיךְ, מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן, מֶען לֶערְנְט, מֶען דַאוֶוענְט, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט 'עוֹזַרְתּוֹ' - אִיז דִי וַוייבּ אַן עֵזֶר, זִי הֶעלְפְט דֶעם מַאן, 'לֹא זָכָה', אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט זוֹכֶה, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט, מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט, מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט 'כְּנֶגְדּוֹ' - אִיז זִי אִים אַ מִתְנַגֵּד, וָואס עֶר וִויל - זָאגְט זִי פַארְקֶערְט.

אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ וֵוייניגֶער מוּטְשֶׁען מִיט פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ; רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, קוּק שֵׁיין אוֹיף אִיר, זוּךְ אִין אִיר גוּטְס - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא, נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְּרוּ", וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ וֶוערְט רַייךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע רַייכְטוּם אִיז בִּזְכוּת דִי פְרוֹי; וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ צוּ אִיר - אַזוֹיפִיל גֶעלְט גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ב)

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דִי נִישְׁט רִיכְטִיגֶע שִׁידוּכִים, בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער דֶעם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ז כִּסְלֵיו, ג' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג.

עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מִיט וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקצה): אַ מֶענְטְשׁ הָאט כַּמָּה וְכַמָּה שִׁידוּכִים, אוּן אֲפִילוּ דִי שִׁידוּכִים וָואס מֶען טְרָאגְט בְּלוֹיז אָן - אִיז אוֹיךְ אַ שִׁידוּךְ, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען זִיךְ טְרֶעפְן, עֶס וֶוערְט אַ שִׁידוּךְ אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס אוֹיס שִׁידוּךְ, אוּן אַמָאל דַארְף מֶען חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן מֶען גֶט זִיךְ - אוֹיךְ צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן שִׁידוּךְ.

דוּ וואוֹינְסְט דָאךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל סָמוּךְ וְנִרְאָה צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר, גֵיי אַרוֹיף יֶעדְן טָאג פַאר אַפָּאר מִינוּט אוּן זָאג אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ, בֶּעט דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכָךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים מִתְפַּלֵּל זַיין, הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ זַיינֶע תְּפִילּוֹת.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִיךְ זָאל זַיין דַיין שַׁדְכָן; אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ וִויל זַיין דַיין שַׁדְכָן. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר פְרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר זָאל טוּן פַאר פַּרְנָסָה, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיין פַּרְנָסָה וֶועט זַיין אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ שַׁדְכָן", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעטוּן אִין שִׁידוּכִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פט) דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שַׁדְכָן; אִיךְ וֶועל טוּן פַאר דִיר.

**אַ לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.**

(עַצְתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ב)

>>>>>>

און אַ לַמְדָן עָצוּם, עֶר הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס וּפוֹסְקִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אוֹיסְנֶוֶוייניג יֶעדֶע תּוֹסְפוֹת אִין שַׁ"ס אִין דִי רֵייעֶ. זַיין שְׁוֶוער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז רֶבִּי נָתָן וֶועט אִיבֶּערְנֶעמֶען זַיין רַבָּנוּת נָאךְ זַיינֶע הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג.

כָאטְשׁ וָואס זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, הָאט עֶר אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּנֶעם דֶערֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, עֶר פְלֶעגְט אָנְזָאגְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידִימֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ דִי חֲסִידִים. וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָבֶּער גֶעזֶעסְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט הָאבְּן דִי חַסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ גֶערֶעדְט מִיט אִים אוּן זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט אִים, אוֹיפְגַוייזְנְדִיג אַז דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זֶענֶען גָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיטְ'ן גֵיין צוּ זֵיי וֶועט זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אוֹיף אִים אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פָארְן צוּ דִי צַדִּיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי"ן רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, צוּם רֶבִּי"ן רֶבִּי זוּשָׁא זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי מָרְדְכַי פוּן קְרֶעמְנִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי גְדַלְיָ' מִלִינִיץ זי"ע, צוּ הרה"ק רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרָאבִּיטְשׁ זי"ע, אוּן צוּ הרה"ק רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מֵחַמֶעלְנִיק זי"ע. דִי צַדִּיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אִים.

שְׁפֶּעטֶער אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק הרה"ק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע וָואס הָאט אִים זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן אִים גֶערוּפְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט "מַיין נָתָנְ'לֶע". רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן בַּיי דִי צַדִּיקִים, עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין הַארְץ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בֶּאֱמֶת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן פוּן דִי חַסִידִישֶׁע ווִירְטְשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז דָאס פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיי סְעוּדוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן אִיז סְתַּם בִּיטוּל זְמַן, עֶס אִיז אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט וֶוען אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קֶען מֶען זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר הָאט גֶעזֶען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי אַלֶע צַדִּיקִים, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, עֶר הָאט נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהַאט קְלָאר וָואס אוּן וִוי אַזוֹי דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען מִיט אַ גְרוּפֶּע חֲסִידִים בַּיי אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ פַאר מְלַוֶּה מַלְכָּה, דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן. אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַרַיינְגֶעטְרַאכְט אִין זַיין מַצָּב אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט. "אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגְלֶעךְ?!" - הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּבְרָאכְן פוּן דֶעם.

עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט פוּן דִי בֵּייגְלֶעךְ אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אִין וַוייבֶּער שׁוּל מִיט אַ תְּהִלִּים, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן אַ קַאפִּיטְל נָאךְ אַ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיס בְּכִיּוֹת, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן גְרוֹיס בִּיטֶערְנִישׁ, אַזוֹי הָאט עֶר גֶעזָאגְט תְּהִלִּים בִּיז קַאפִּיטְל נ', אוּן פוּן אַזוֹיפִיל וֵיינֶען אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

עֶר הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער פוּן דִי עֶרְד בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיפְ'ן לֵייטֶער עֶר אִיז אָבֶּער אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְצוּגֵיין עֶר אִיז אָבֶּער נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וִוי מֶער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין הֶעכֶער אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן אַ גְרֶעסֶערֶע פְּלַאץ אוּן זִיךְ נָאךְ מֶער צוּקְלַאפְּט, בִּיז עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַזַא טְרַאסְק אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּגֵיין, אוּן דַאן אִיז אֵיינֶער אָנְגֶעקוּמֶען אוּן אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט, זָאגֶענְדִיג: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!". דָאס אִיז גֶעוֶוען סוֹף יָאר תקס"ב לפ"ק פַאר סְלִיחוֹת.

אִין יֶענֶע צַייט הָאט גֶעוואוֹינְט אִין נֶעמִירוֹב אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' לִיפָּא, עֶר פְלֶעגְט פָארְן צוּ אַסַאךְ צַדִּיקִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, וָואס אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן נֶעמִירוֹב, אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען וואוֹינֶען אַ צַדִּיק, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען חֵשֶׁק צוּ גֵיין צוּ אִים, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר טַאקֶע גֶעטוּן, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי"ן אוֹיף שַׁבָּת פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא. עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט בַּיים רֶבִּי"ן אוּן זַיין הַארְץ הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען. יֶענֶעם שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט עֶטְלִיכֶע מָאל: "אִיךְ זֶע אַ נֵייעֶ נְשָׁמָה אִין אוּקְרַיינֶע נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב", אוּן עֶר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי נְשָׁמָה. דֶער עוֹלָם הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶועם דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם.

מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ, וָואס אִיז דַאן גֶעוֶוען "א' סְלִיחוֹת", אִיז ר' לִיפָּא צוּרִיק גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטָאט נֶעמִירוֹב, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּל זָאגְן סְלִיחוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעלִיגְן אִין דִי בֵּיינֶער דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי"ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס בְּרֶען אוּן כַּוָּונָה מִיט גֶעשְׁמַאק, אוּן אֲפִילוּ בַּיי דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סְלִיחוֹת, וִוי "עֲנֵנִי ה' עֲנֵנִי" "מִי שֶׁעָנָה לְאַבְרָהָם" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי שְׁטִיקְלֶעךְ וָואס מֶען כַאפְּט שׁוֹין גֶעוֶוועְנְלִיךְ אָפּ, הָאט עֶר עֶס אָבֶּער גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק שְׁטַייט אוּן רוּאִיג אוּן מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה. וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין שׁוּל הָאבְּן גֶעזֶען דִי הִתְעוֹרְרוּת וָואס הָאט אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם ר' לִיפָּא, הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט נָאךְ סְלִיחוֹת וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז, הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דָא נִישְׁט וַוייט, אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן אַ פְרִישֶׁער צַדִּיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת אוּן דָארְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן, אֶפְשַׁר וֶועט עֶר בַּיי דֶעם צַדִּיק טְרֶעפְן דָאס וָואס עֶר זוּכְט, אֶפְשַׁר וֶועט דֶער צַדִּיק אִים אוֹיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן אִים פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג. נָאךְ יֶענֶעם טָאג הָאט עֶר זִיךְ צוּזַאם גֶעשְׁטֶעלְט מִיט רֶבִּי נַפְתָּלִי אוּן רֶבִּי זַלְמָן אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי"ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן הָאט רֶבִּי נָתָן דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אַ שְׁטִיק צַייט.

זַייעֶנְדִיג דָארְט הָאט רֶבִּי נָתָן שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז בַּיים רֶבִּי"ן אִיז דֶער עִיקַּר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען בְּלַייבְּן דָארְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר אַהֵיים גֶעפָארְן מִיטְן חֶשְׁבּוֹן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי"ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

פְרַייטָאג פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ז אֱלוּל, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּזַאמֶען מִיט זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי, צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי"ן אוֹיף שַׁבָּת אוּן שׁוֹין בְּלַייבְּן דָארְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִיז דַאן אוֹיסְגֶעפַאלְן מָאנְטָאג אוּן דִינְסְטָאג.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם רֶבִּי"ן הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל אַייךְ פִירְן אוֹיף אַ נֵייעֶם וֶועג". פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעגֶעסְן בַּיים רֶבִּי"ן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט. נָאךְ דִי סְעוּדָה וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז זִיךְ צֶעגַאנְגֶען, יֶעדֶער אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן, הָאט אָבֶּער רֶבִּי נָתָן נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין שְׁלָאפְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן אַ פֵייעֶר, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִין בְּרֶסְלֶב בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, פֵייעֶר מִיר אַרַיין דָאס פֵייעֶר אִין הַארְצְן אַרַיין!" עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעוֵויינְט צוּם

<<<<<<

>>>>>>

אײבּערשטן די גאַנצע נאַכט. רבּי נתן איז שוין געבּליבּן בּיים רבּי'ן אויף ראש השנה און ער איז מוראָ'דיג נתעורר געוואָרן דאָרטן.

אין איינע פון די טעג פון עשרת ימי תשובה איז רבּי נתן אַריין צום רבּי'ן פּריוואַט און זיך אויסגערעדט זיין גאַנצע האַרץ, אַלעס וואָס גייט אויף אים אַריבּער. דער רבּי האָט גערעדט מיט אים און אים זייער מחזק געווען, דער רבּי האָט אים געגעבּן עטליכע הנהגות וואָס צו טון, צו זאָגן יעדן טאָג אַכצן פּרקים משניות און נאָך. דערנאָך איז דער רבּי אַרויסגעגאַנגען מיט אים צו כאַפּן אַ שפּאַציר, דער רבּי האָט גערעדט צו אים דיבּורי התחזקות אַז מען טאָר נישט ווערן צובּראָכן און צופאַלן פון קיין שום זאַך אויף דער וועלט, וואָס עס זאָל זיך נאָר דרייען מיט אַ מענטש דאַרף ער זיך שטענדיג שטאַרקן און דערהאַלטן, און אינמיטן די שמועס האָט דער רבּי אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף רבּי נתנ'ס אַקסל און אים געזאָגט: "און ווייטער איז זייער גוט אַז מען רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פאַרן אייבּערשטן אַזוי ווי מען רעדט זיך אויס פאַר אַן אמת'ן גוטן פריינד". דאַן האָט דער רבּי אים די ערשטע מאָל געזאָגט די עצה פון התבודדות, אַז עס איז נישט דאָ קיין אַנדערע עצה פאַר אַ מענטש אויף דער וועלט, נאָר אַז ער זאָל אַנטלויפן צום אייבּערשטן, אַז ער זאָל דערציילן פאַר'ן אייבּערשטן, אויף די אייגענע שפּראַך, אַלעס וואָס גייט אויף אים דורך בּרוחניות וּבגשמיות, אַזוי ווי מען רעדט זיך אויס פאַר אַן אמת'ער גוטער חבר.

די ווערטער זענען אַריין אין רבּי נתנ'ס האַרץ ווי אַ פייער, דאַן האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער וועט שוין זיכער זיין אַן ערליכער איד. וואָס עס וועט נאָר אַריבּער גיין אויף אים, וואָסערע סאָרט מניעות און שוועריקייטן, ספיקות און בּלבּולים, ער וועט נאָר האָבּן; וועט ער דאָס אַלעס דערציילן פאַרן אייבּערשטן, און דער אייבּערשטער וועט אים העלפן און אים פירן אויפן ריכטיגן וועג. און פון דאַן איז ער שוין געבּליבּן מקורב און דבוק צום רבּי'ן אויף אייבּיג. און רבּי נתן האָט דאָס גלייך מקיים געווען, ער איז אַריין אין אַ שול וואָס איז געווען דאַן ליידיג, און ער האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַרן אייבּערשטן, דערציילנדיג פאַר אים אַלעס וואָס איז אים געליגן אויפ'ן האַרץ.

כאָטש וואָס דער רבּי האָט געהאַט אַסאַך תלמידים, גאַר גרויסע תלמידים, איז אָבּער רבּי נתן יעדן איבּער געשטיגן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז דעם רבּי'נס לימודים איז נישט נאָר געווען פאַר דעמאָלט, נאָר עס וועט שוין בּלייבּן אויף אייבּיג, אַזוי ווי דער רבּי האָט געזאָגט: "מיין פייער וועט שוין טליען בּיז משיח וועט קומען". רבּי נתן האָט אָפּגעשריבּן אַלע ספרים, אַלע תורות און שמועסן פון רבּי'ן, אויסער די ספרים וואָס רבּי נתן האָט אַליין געמאַכט וואָס זענען מחי' און מחזק, עס בּלאָזט אַריין אַ האָפענונג און אַ שטאַרקייט אין יעדן וואָס לערנט עס. בּיז'ן היינטיגן טאָג איז זיך די גאַנצע וועלט מחי' מיט זיינע הייליגע ספרים, מיט די ירושה וואָס ער האָט אונז איבּער געלאָזט פון רבּי'ן.

רבּי נחמן טולטשינער זי"ע, דער תלמיד מובהק וואָס האָט איבּער גענומען רבּי נתן, פלעגט אָנהויבּן זיין דרשה בּיי די סעודת הילולא פון רבּי נתן מיט די ווערטער: "דער הייליגער רבּי נתן האָט אונז איבּער געלאָזט אַ גרויסע ירושה וואָס ער האָט בּאַקומען פון הייליגן רבּי'ן, לאָמיר זיך צוטיילן צוזאַמען מיט די ירושה" און אַזוי איז ער אַריין אין אַ שמועס פון די הייליגע וואַרימע דיבּורים פון רבּי נתן וואָס זענען מחי' יעדן איינעם.

לאָמיר זיך אויך שטאַרקן מיט די הייליגע ירושה, לאָמיר לערנען, הערן און מקיים זיין די אַלע עצות און למודים וואָס רבּי נתן האָט אונז איבּער געלאָזט פון רבּי'ן, און אַזוי וועלן מיר מצליח זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט לנצח נצחים.

(ספר פּעלת הצדיק)

# שאלות ותשובות בּרסלב



# פאַרוואָס צאָלט מען אַזוי ווייניג פאַר אַ מלמד?

*שאלה:*

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

איך בּין שוין אַ מלמד אַ שיינע פּאָר יאָר, איך האָבּ בּרוך ה' אַ גרויסע משפּחה מיט קינדער, אָבּער איך פאַרדין נישט גענוג צו דעקן דעם חודש, איך בּאַקום ממש ווי מען בּאַצאָלט אויף די גאַס פאַר אַ בּיליגע אַרבּעטער, פאַר יעדע זאַך פאַרשטייט מען אַז מ'דאַרף צאָלן נאָרמאַל, אויסער פאַר אַ מלמד וואָס טוט די שווערסטע אַרבּעט צו זיצן אין אַ קלאַס מיט לעבּעדיגע קינדער אַ גאַנצן טאָג און אויסהאַלטן יעדנ'ס שוועריקייטן.

איך פאַרשטיי אַז די מוסד וואו איך בּין איינגעשטעלט האָט נישט קיין געלט צו בּאַצאָלן מער, אָבּער איך קען נישט פאַרשטיין ווען איך זע מענטשן צאָלן נישט די שכר לימוד אָדער דינגען זיך מיט פּרייז, ווען אין די זעלבּע צייט וועלן זיי איינקויפן וואָס זיי דאַרפן פאַר זייער בּאַקוועמליכקייט און אויסגעבּן געלט אויף זאַכן וואָס זענען נישט בּאמת וויכטיג, און נאָר ווען עס קומט צו שכר לימוד, וואָס איז די וויכטיגסטע זאַך פאַר אַ מענטש, זוכט מען צו שפּאָרן.

אויך טוט מיר זייער וויי ווען איך הער אַסאַך מאָל מענטשן זאָגן אַז אַ מלמד ווערט אַ מלמד ווייל ער טויג נישט אויף קיין שום אַנדערע זאַך, ווען דער אמת איז אַז אַ מלמד איז סאַך אַ שווערערע און אַסאַך מער קאָמפּליצירטע אַרבּעט פון רוב אַנדערע זאַכן, און צו זיין אַ גוטער מלמד פאָדערט אַסאַך כח און מח מיט געדולד, און צום סוף פאַרשטייען אַפילו נישט די עלטערן וואָס דער מלמד טוט פאַר זייער קינד, און פאַר די קלענסטע זאַך וואָס זיי מיינען אַז מ'האָט נישט גוט געטון, וועט מען רופן אָנשרייען און פאַרהאַלטן, ווען ס'איז נישט מעגליך זיי מסבּיר צו זיין וואָס איז פאָרגעגאַנגען פונקטליך. איך קען נוצן חיזוק אויף דעם.

יישר כח

*תשובה:*

**בּעזרת ה' יתבּרך**

יום ב' פּרשת וישלח, י"א כסליו, שנת תשפ"ב לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האָבּ ערהאַלטן דיין בּריוו.

נישטאָ קיין ווערטער אַרויסצובּרענגען דאָס גרויסקייט פון אַ גוטער מלמד, ווי גרויס זיינע זכותים זענען; אַלע תורה און תפילה וואָס די תלמידים גייען לערנען און דאַווענען זייער גאַנץ לעבּן - גייט אויפ'ן זכות פונעם מלמד.

ליידער זענען מענטשן מזלזל אין מלמדים, מען שעצט נישט זייער אַרבּעט; דאָס טוט זייער וויי, בּפרט ווען מען אַרבּעט בּיטער שווער מיט אַ קינד און אַנשטאָט צו בּאַקומען אַנערקענונג פון די עלטערן אויף די שווערע אַרבּעט - האָט מען גאָר טענות וכו'; דאָס נעמט אַרויס די כח פונעם מלמד.

איך בּין אויך געווען אַ מלמד, איך פאַרשטיי דיר זייער גוט; מיט דעם בּעט איך דיר זייער זאָלסט זיך שטאַרקן. געדענק, מען אַרבּעט פאַר'ן אייבּערשטן, מען אַרבּעט נישט פאַר קיינעם אַנדערש, און אויבּן אין הימל ווערט אָוועקגעלייגט די שווערע אַרבּעט און פּלאָג, עס איז אָנגעגרייט אַ גרויסער שכר פאַר מלמדים.

ווער נישט צעבּראָכן ווען דו הערסט רעדן אויף מלמדים, ליידער זענען דאָ אַזעלכע וואָס טאָרן נישט זיין קיין מלמד. מוהרא"ש דערציילט: "עס איז געקומען אַמאָל אַ איד צו רבּי מאיר שפּירא זצ"ל זיך דורכרעדן מיט אים, דער איד איז געווען אַ שוחט און מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון די שחיטה, און ער האָט זיך געוואָלט שואל עצה זיין וועלכע פּרנסה ער זאָל נעמען. רבּי מאיר האָט אים געפרעגט וואָס ער טראַכט צו טון, האָט דער איד געזאָגט אַז ער האָט געקלערט אַז אַזוי ווי ער האָט נישט קיין פּרנסה, זאָל ער ווערן אַ מלמד. האָט אים רבּי מאיר געזאָגט: 'אַז דו האָסט נישט געקענט שחט'ן אָקסן, ציגן און הינער, ווילסטו יעצט גיין שחט'ן קינדער?!'" ער האָט אים געוואָרנט ער זאָל זיך נישט דערוואַגן צו זיין אַ מלמד.

מוהרא"ש זאָגט: "מען זעט אַן אינטערעסאַנטע זאַך, אין יעדע פּרנסה וואָס אַ מענטש וויל זיך אַריינלאָזן, דאַרף ער זיך קודם לערנען די פאַך און ערשט נאָכדעם קען ער אָנהויבּן צו אַרבּעטן מיט דעם. עס זענען דאָ פאַכן וואָס מען קען זיך גרינגער לערנען, און עס זענען דאָ וואָס זענען שווערער און נעמען לענגער זיך צו לערנען. צום בּיישפּיל ווען איינער וויל ווערן אַ דאָקטער, דאַרף ער גיין לערנען און שטודירן פאַר לאַנגע יאָרן בּיז ווען ער קען זיך דערלערנען און קענען גוט דעם פאַך. אַפילו קלענערע פאַכן דאַרף מען זיך אויך לערנען קודם, איינער וויל אַרבּעטן מיט עלעקטריק דאַרף ער זיך דאָס אויסלערנען קודם, אויבּ נישט וועט ער זיך עלעקטערעזירן חס ושלום; איינער וויל זיין אַ פּעינטער, אַ סטאָלער, אָדער סיי וואָס, דאַרף ער קודם וויסן אויבּ ער טויג דערצו, ער דאַרף קענען דעם פאַך, ער דאַרף ליבּ האָבּן דעם פאַך. און פאַרשטייט זיך אַז קיינער וועט נישט אויפנעמען אַ פאַכמאַן צו טון פאַר אים אַן אַרבּעט אויבּ יענער האָט נישט קיין אנונג ווי אַזוי מען טוט עס, אָבּער עס איז דאָ איין פאַך וואָס איז אַן אויסנאַם, דאָס איז ווען איינער וויל ווערן אַ מלמד. עס זענען טאַקע דאָ אַסאַך גוטע מלמדים, עס איז אָבּער געוואָרן אַזוי איינגעפירט אַז ווער עס האָט נישט קיין פּרנסה, ער איז אַ שלימזל און טויג צו גאָרנישט - דער ווערט אַ מלמד. דאָס איז זייער מאָדנע, פאַרוואָס פונקט בּיי דעם פאַך קוקט מען גאָרנישט אויף דעם מענטש איידער מען נעמט אים אויף אַלס מלמד צו זען אויבּ ער טויג טאַקע צו דעם פאַך אָדער נישט? שטעלט אייך פאָר אַז איינער האָט נישט קיין פּרנסה און ער איז מחליט אַז אַזוי ווי ער האָט נישט וואָס צו טון וועט ער ווערן אַ דאָקטער... דאָס איז דאָך ממש רציחה, ער וועט הרג'ענען מענטשן רעכטס און לינקס רחמנא ליצלן".

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִי גוּטֶע מְלַמְּדִים; אַן עֶרְלִיכֶער מְלַמֵּד, אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל. "חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג'): 'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד, אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן' - דִי מְלַמְּדִים וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר שְׂכַר אִיז אַזוֹי פִיל אוּן אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל. וֶוען מֶען קוּקְט אַרוֹיף אִין הִימְל זֶעט מֶען דִי גֶעוַואלְדִיגֶע נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן אַזוֹיפִיל בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן. אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דֶעם וָואס מֶען זֶעט קוּקְנְדִיג מִיט אַ סְפֶּעצְיעֶלֶע פַארְגְרֶעסֶערוּנְג גְלָאז [טֶעלֶעסְקָאוּפּ]. עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן דִי פִילֶע בִּילְיָאנֶען שְׁטֶערְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אוּן עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גֶעגֶעבְּן אַ נָאמֶען. זָאגְן חֲזַ"ל אַז אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס אִין הִימְל, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן אוּן אָפְּשַׁאצְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שְׂכַר וָואס וַוארְט אָפּ פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט קִינְדֶער וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה".

דָאס וָואס דוּ קְרֶעכְצְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מֵיין נִישְׁט אַז דֶער וָואס אַרְבֶּעט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ - הָאט מֶער גֶעלְט פוּן דִיר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, יֶעדֶער וֵויינְט; דֶער חִילוּק אִיז נָאר, מִיט וָואס מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ? "אָנוּ עֲמֵלִים וְהֵם עֲמֵלִים; אָנוּ עֲמֵלִים וּמְקַבְּלִים שָׂכָר", מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט טֵייעֶרֶע אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער; מִיר בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן דוֹר פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, "וְהֵם עֲמֵלִים וְאֵינָם מְקַבְּלִים שָׂכָר", אוּן אַנְדֶערֶע מוּטְשֶׁען זִיךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט פוּן דֶעם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינע מלוה מלכה דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש להודות ולהלל

דעם פארגאנגענעם מוצאי שבת קודש חנוכה זענען זיך אנשי שלומינו פון קרית ברסלב ליבערטי - און נאך פילע אנשי שלומינו פון נאנט און ווייט - זיך צוזאמגעקומען אינעם גרויסן זאל אינעם ניי פריש איבערגעבויעטן בנין התלמוד תורה אין קרית ברסלב ליבערטי, צו א גרויסע סעודת הודאה להודות ולהלל צום אייבערשטן, ווי מוהרא"ש שרייבט אין אשר בנחל אז מ'זאל זיך צוזאם קומען ליל ה' דחנוכה צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסד און נס אז מיר קריגן נישט אויפן רבי'ן און נאך מער אז מיר זענען זיך מחיה מיט די עצות און זיסע לעבן וואס מיר באקומען פון הייליגן רבי'ן, אפגעבן א שבח והודאה צום באשעפער אויף די שכל אין לעבן און הדרכה ברוחניות ובגשמיות וואס מיר באקומען פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס ציעט ווייטער דעם גאלדענעם קייט, די תורה וואס ער האט געלערנט פון מוהרא"ש, וואס האט אונז געלערענט דעם וועג פון הייליגן רבי'ן.

מען האט זיך געוואשן צו א שיינע סעודה, מען האט געזינגען זמירות, און געהערט עטליכע שיינע דרשות.

דער אויבנאן איז באשיינט געווארן מיט די חשובע מלמדים ומחנכים פון די מוסדות. הר"ר אברהם הערש וועבערמאן שליט"א איז געווען דער יושב ראש. מען האט געהערט א שיינע דרשה פון הר"ר אהרן וועבערמאן שליט"א וואס האט גערעדט דער דבר המוסדות, און ארויסגעברענגט וואס איז אונזער ציל. דער ציל איז אריינצוברענגען אמונה נישט נאר אין אונז, נאר געדענקען אז עס זענען דא נאך אידן אויף דער וועלט, און יעדער קען טון צו פארשפרייטן אמונה פאר נאך אידן.

דערנאך האט מען געהערט שיינע ווערטער פונעם אדמיניסטראטאר מו"ה רפאל פארסט הי"ו, וואס האט ארויסגעברענגט אז מיר דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן געטראפן דעם פך שמן חתום בחותמו של כהן גדול, וואס מיט דעם צינדן מיר אן די 8 ליכט, די אכט מוסדות, די חדרים, מיידל סקולס, ישיבות, כוללים אין אלע געגנטער, און די אכט שולן היכל הקודש וואס פירן זיך אונטער די הדרכה פונעם ראש ישיבה שליט"א, און אזוי ווייטער מחזק געווען דעם עולם איבער די וויכטיגקייט פון צאלן צייטליך שכר לימוד, וואס דאס איז צדקה פאר זיך אליין, מיט דעם קען מען האבן א הייליג פלאץ פאר די קינדער צו לערנען די הייליגע תורה, מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

דאן האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט גערעדט איבער חינוך הבנים והבנות, און אז אן דעם איז גארנישט דא, איבער די חשיבות פון די מלמדים פון היכל הקודש, וואס זענען נישט קיין פשוטע מלמדים, זייערע הענט זענען געבינדן, מוהרא"ש לאזט נישט שלאגן, שרייען, טשעפען און ארויסווארפן, זיי מוזן ארבעטן זייער שווער, מיט אלע סארטן קינדער. "די מלמדים זענען די טייערסטע וואס היכל הקודש פארמאגט".

"ווי שיין איז דער אויבן אן, מיט די חשובע מלמדים ומרביצי תורה", האט דער ראש ישיבה געזאגט, "דער שענסטער אויבן אן זענען אונזערע מלמדים!"

"מען איז זיך צוזאמגעקומען אינעם בנין וואס מען האט אפגעקויפט פאר די תלמוד תורה. דער בנין איז געבויעט געווארן פאר איבער הונדערט יאר צוריק מיט מסירות נפש דורך אידן וואס זענען דאן געקומען פון אייראפע, זיי האבן געוואלט זיין ערליכע אידן און קענען היטן שבת, א זאך וואס איז געווען זייער שווער דעמאלט אין אמעריקע, און דערפאר האבן זיי זיך ארויסגעצויגן צו די בערג וואו מען האט גרינגער געקענט היטן שבת קודש, זיי האבן געבויעט א ריזיגן בית המדרש שטארק און שיין, אבער איין טעות האבן זיי געמאכט, זיי האבן נאכגעלאזט די חינוך הבנים והבנות, די קינדער האט מען געלאזט גיין שארן די שניי און צוזאם נעמען די בלעטער, און היינט איז שוין גארנישט געבליבן פון זיי, די קינדער און אייניקלעך זענען אוועקגעפאלן פון אידישקייט, און דאס דארף אונז לערנען אז די וויכטיגסטע זאך איז זיך אפצוגעבן מיט די קינדער.

"די שיינקייט פון היכל הקודש איז אז מ'געט זיך אפ מיט די קינדער. צום ביישפיל, איין אינגערמאן דערציילט, אז גייענדיג איין טאג אויפן גאס דא אין שטעטל צוזאמען מיט זיין קליין אינגעלע, זענען אים אנטקעגן געלאפן א גאנצע מחנה הינער, רופט זיך אן דער קליינער, "טאטי, איך האב נישט מורא, מיין רבי האט מיר אויסגעלערנט אז 'ה' לי', דער אייבערשטער איז מיט מיר, 'ולא אירא', איך האב נישט מורא פון קיינעם, קיינער קען מיר גארנישט טון!", אויף דעם איז מען געקומען דאנקען דעם באשעפער עד הנה עזרונו רחמיך".

דערנאך האט הר"ר יואל מנחם גרשון שניטצלער שליט"א באדאנקט פאר אלע וואס האבן געהאלפן דרוקן די הייליגע בריוו "עצתו אמונה".

נאכ'ן בענטשן האט מען זיך ארויסגעלאזט אין פרייליכע טענץ, להודות ולהלל לשמך הגדול, על הניסים ועל הנפלאות, בימים ההם ובזמן הזה.

ומנותר קנקנים נעשה נס לשושנים!

## זייט מתפלל!

### פאר ר' יצחק בן פייגלא

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן וועבערמאן** הי"ו

**צו די שידוך שליסן פון זיין טאכטער למזל טוב עב"ג**

החתן מו"ה **אברהם** נ"י

בן מו"ה **חיים אלי' צוויבל** הי"ו

***

מו"ה **ישראל שלום זעלקאוויטש** הי"ו

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**

החתן מו"ה **אברהם אלי'** נ"י

עב"ג בת מו"ה **ישראל חיים ברוין** הי"ו

***

מו"ה **הערש שניטצלער** שליט"א

מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים

**צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ"י למז"ט**

***

מו"ה **שמחה סאלז** הי"ו

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

הבחור החשוב **יוסי סאלז** נ"י


## משניות פארגעלערנט

**כאפט אייך מיט מיט'ן שיעור אין משניות, הערליך קלאר פארגעלערנט יעדער זאל קענען פארשטיין, געשמאק און גרינג**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1. 2. 4**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**איר קענט האבן די זכי' צו מנדב זיין הפצת הגליון פאר בארא פארק רופט 917-474-6118 פאר מאנסי 845-445-9314**

< BreslevCenter.com >